Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײַנט 10 זײַטען

NAJER FOLKSBLAT

פרײז 15 גראשען

# נײַער פאלקסבלאט

№ 60 | Łódź, Czwartek 10 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאָנערשטאג, ב׳ אדר ב׳ תרצ״ב | № 60

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פולמאכטען פאר׳ן מלוכה-פרעזידענט

## אויף דער נעכטיגער סיים-זיצונג האט געהאלטען

## ווענען דעם א רעדע דער פרעמיער פריסטאר

וואַרשאַ, 9. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). די הײַנטיגע זיצונג פון סיים האט זיך אנגעהויבען צעהן אַ זייגער אינדערפריה. עס איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען דעם „אָרדער פון ווייסען אָדלער" און ועמען מ׳קען אים געבען. די ענדעקעס זענען אַרויסגעטרעטען געגען פראָיעקט פון דער רעגירונג, וועלכער איז אָבער אָנגענומען געוואָרען.

ווײַטער איז געגען די שטימען פון די ענדעקעס און כ.ד. אָנגענומען געוואָרען דער רעגירונגס-געזעץ-פּראָיעקט וועגען די קאָנפּיסקירטע פערמעגענס בײַ די אַנטיילנעהמער פון פוילישען אויפשטאַנד דורך דער רוסישער מאַכט. די פערמעגענס וועלען לויט׳ן נײַעם געזעץ באַר טיילווײַז צוריקגעגעבען ווערען. ס׳איז נאָך ווײַטער אָנגענומען געוואָרען דאָס געזעץ וועגען פויערישען ערד-בעזיץ און דאַן איז אויף דער טאָג-אָרדנונג געקומען דער פאָרשלאָג פון פ.פ.ס. וועגען פערקלענערען דאָס געהאַלט פון סיים-מאַרשאַלעק. נאָך די רעדעס פון די דעפוטאַטען דיבואַ (פ.פ.ס.) און סטראָנסקי (נ.ד.) ווערט דער פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפען. דאַן טרעט מען צו צום געזעץ-פּראָיעקט וועגען פולמאַכטען פאַר׳ן מלוכה-פּרעזידענט, בײַ דער דאָזיגער געלעגענהייט נעהמט אַ וואָרט דער פרעמיער פריסטאָר וועלכער זאָגט צווישען אַנדערען: די רעגירונג פערלאַנגט צווייערליי פולמאַכטען פאַר׳ן מלוכה-פּרעזידענט. איינע אויף עטליכע חדשים און זיי בעהמען אַרום עקאָנאָמישע, ווירטשאַפטליכע און פינאַנציעלע פראַגען, די צווייטע אויף 3 יאָהר און זיי נעהמען אַרום פראַגען פון אַדמיניסטראַציע, אַפּשאַפען מיניסטעריומס, אַמטען

א. אַ. וו.

דאַן רעדט דער פרעמיער וועגען דער לאַגע אין פוילען, דער פרעמיער האַלט אַז בעת אין דײַטשלאַנד און ענגלאַנד האָט אַלץ געקראַכט האָט פוילען אײַנבערגעהאַלטען, בײַ איצטיגע צײַטען דאַרף די רעגירונג קענען שנעל האַנדלען און דעריבער זענען נויטיג די פולמאַכטען, די אינטערעסען פון יחיד דאַרפען זיך אונטערוואַרפען די אינטערעסען פון דער מלוכה, און דאַן וועט זײַן די זיכערקייט אַז פוילען וועט זיגרייך אַרויס פון איצטיגען קריזיס.

געגען די פולמאַכטען האָט גערעדט דעפ. ריבאַרסקי (נ.ד.) און טשאַפּינסקי (פ.פ.ס.) מיט דעם איז די זיצונג געשלאָסען געוואָרען.

# אריסטיד בריאן

א גלענצענד געצייכענטער פארטרעט,

לעבענס-געשיכטע און כאראקטעריסטיק

פון באר וואס פערשטארבענעם גרויסען

פאליטיקער פון דער איצטיגער צייט

געשריבען דורך איינעם פון די טאלאנטפולסטע מאדערנסטע שריפטשטעלער און ספעציעל בעארבייט פאר׳ן „נייעם פאלקסבלאט"

הויבט זיך אן מארגען צו דרוקען

אין „נײעם פאלקסבלאט"




## ענדערונגען אין דער סאציאלער געזעצגעבונג

### וועלען געמאַכט ווערען ערשט אין הערבסט

וואַרשאַ, 9. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). הײַנט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער קאָמיסיע פאַר אַרבייטס-שוץ. ס׳איז בעטראַכט געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען ענדערונגען אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג, ס׳איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ סוב-קאָמיסיע פון 16 פּערזאָן, וועלכע דאַרף אויסהערען די מיינונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראײַנען.

ס׳איז שוין איצט זיכער, אַז דאָס דאָזיגע געזעץ וועט שוין נישט אָנגענומען ווערען דורך דער הײַנטיגער סיים - סעסיע נאָר דורך די סעסיע פון הערבסט.

[ • • ]

די פּראַקטישע פּראָפעסיאָנעלע פעראײַנען האָבען בעשלאָסען אויפצופאָדערן זייערע דעפּוטאַטען צו שטימען אין סיים געגען די פּראָיעקטירטע ענדערונגען אין דער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

## ניחום אבלים!

משתתפים אנחנו בצערו של חבירנו הנכבד חבר הועד דתלמוד תורה דאלטשטאדט (בזשעזשינער 23) כמר מו״ה ר׳ משה נ״י פאצאנאווסקי למות עליו אביו

המנוח ר׳ יהושע העשקא ז״ל

ומברכים אותו בברכת תנחומים.

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא יוסיף לדאבה עוד.

הועד לת״ת, לודז, ברזינר 23

המנהל

התלמידים.

1566

## רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס,

בילצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

נאוואמיעסקא 5, פראנט, II שטאק

## יין כשר!!!

מיר מאכען בעקאנט אונזער ג׳ קונדשאפט, אז דער איינצעל-פערקויף פון דער ווײַן-און מעהד-פאבריק פירמע

## „פראגרעס"

אלטער מארק 2, וואס עקזיסטירט מיט דעם גרעסטען ערפאלג איז איבערגעטראגען געווארען

איז פראנט-געוועלב, **אלטער מארק 1.**

צוליב רעקלאמע פון ניי-ערעפענטען געוועלב, פערקויפען מיר

א פלאש פון 1/4 ליטער גוטען ראזינען-ווײַן נומ׳ 6 נור 75 גר.

און 1/4 ליטער דעם בעוואוסטן ראזינען-ווײַן נומ׳ 7 נור 85 גר.

איבערצייגט אייך מיט אייער פאמיליע, אז הנאה האבען פון גוטען ווײַן, וואס קאסט נישט טייער איז נאר ביי דער פירמע „פראגרעס".

מיט אכטונג ווײַן- און מעהד-פאבריק

פירמע „פראגרעס"

אלטער מארק 2, טעל. 184-82

פאר לערע פירטעל-ליטערדיגע פלעשער פון פירמע „פראגרעס" צאהלען מיר 5 גר. פאר באטשינקע און קווארט-פלעשער—10 גר.

איך דריק אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל דער שווער-געטראפענער פאמיליע לעווקאוויטש,

צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאן און פאטער

# יעקב וואלף נ״ע

זיים געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים. זאל איהם די ערד גרינג זיין!

לייבוש דזשאלאווסקי,

צייטונגס פערשפרייטער, זגערזשער 46.

1579

אונזער ליבע מאשע גיטלין,

צוליב דעם טויט פון דיין הייסגעליבטן פאטער

# משה גרשון נ״ע

דריקען אויס זייער טיפסטען מיטלייד

פאמיליע ראזענבערג,

מאלצמאן און שיף.

1568

